**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 2/10/2026 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנאר האקול קאמפיינד פאר לאז זיי בויען אגענדע אין צייט וואס שטיצע וואקסט דורכאויס דעם סטעיט**

***פארשטענדליכע רעפארמען צו די סטעיט ענווייראנמענטאלע קוואליטעט איבערזיכט אקט וועלן פארשנעלערן דאס בויען וואס האוזינג לאקאליטעטן ווילן בשעת'ן אפהיטן ענווייראנמענטאלע באשיצונגען***

***די אגענדע וועט שניידן ביוראקראטישע שוועריגקייטן וואס פארשפעטיגן דאס בויען פון קריטישע אינפראסטרוקטור א שטייגער ווי ריינע וואסער, גרינע אינפראסטרוקטור און פארקס***

***די סטעיט וועט באשטימען קלארע צייטן פאר ענווייראנמענטאלע איבערזיכט, אוועקשטעלן סטאנדארטן און פארגרינגערן די איבערזיכט פראצעדור און פארשנעלערן גרויסע פראיעקטן***

***בויעט אויף גאווערנאר האקול'ס היסטארישע אגענדע צו אדרעסירן ניו יארק'ס האוזינג קריזיס און מאכן די סטעיט מער עפארדעבל און וואוינבאר פאר אלע ניו יארקער***

גאווערנאר Kathy Hochul (קעטי האקול) האט היינט קאמפיינד מיט לאקאלע פירער צו ארויסהייבן איר "לאז זיי בויען" ("Let Them Build") אגענדע, א סעריע פון היסטארישע רעפארמען צו פארשנעלערן האוזינג און אינפערסטראקטור אנטוויקלונג און אראפברענגען קאסטן אלס טייל פון איר 2026 סטעיט פון די סטעיט. די איניציאטיוו וועט ברענגען א סעריע פון פארשטענדליכע רעפארמען צו ניו יארק'ס סטעיט ענווייראנמענטאלע קוואליטעט איבערזיכט אקט (State Environmental Quality Review Act, SEQRA) און עקזעקיוטיוו שריט צו פארשנעלערן קריטישע פראיעקטן וואו מען האט שטענדיג געפונען אז זיי האבן נישט קיין באדייטנדע אפעקטן אויפ'ן ענווייראנמענט, אבער שלעפן זיך שוין פאר צו לאנג צוליב ביוראקראטיע און זענען אויסגעשטעלט צו לאנגע פארשפעטיגונגען. צוזאמען, וועלן די שריט פארגרינגערן צו בויען די האוזינג און אינפערסטראקטור וואס לאקאליטעטן ווילן. די גאווערנאר'ס פארשלאג האט יעצט פארזיכערט די שטיצע פון די ניו יארק סטעיט עסאוסיעישען פון קאונטיס (New York State Association of Counties, NYSAC), די ניו יארק סטעיט עסאוסיעישען פון טאונס (New York State Association of Towns, NYAOT), און די ניו יארק סטעיט קאנפערענס פון מעיארן (New York State Conference of Mayors, NYCOM), צוזאמען מיט ניו יארק סיטי מעיאר Zohran Mamdani (זאהראן מאמדאני) און צענדליגע אנדערע לאקאל-ערוועהלטע באאמטע פון קאמיוניטיס דורכאויס ניו יארק.

"פאר אסאך צו לאנג איז נוצלאזע, אלטמאדישערוויטע טעיפ געשטאנען אין וועג פון די האוזינג און אינפערסטראקטור וואס ניו יארקער דארפן צו אדרעסירן די האוזינג קריזיס און מאכן דאס לעבן מער עפארדעבל אין קאמיוניטיס דורכאויס אונזער סטעיט," **האט גאווערנאר Hochul (האקול) געזאגט.** "ניו יארק איז א פלאץ באקאנט פאר אונזער גרעניצלאזע אמביציע — מיר זענען א סטעיט וואס בויעט. עס איז העכסט צייט וואס מיר שניידן די רויטע טעיפ וואס טוט צו אפט פארשטייטערן פראיעקטן און לאזן

קאמיוניטיס בויען, אז מיר זאלן קענען צושטעלן פאר אלע ניו יארקער די מער עפארדעבל און וואוינבארע סטעיט וואס קומט זיך זיי און קענען ציען נייע איינוואוינער וואס ווילן אנרופן ניו יארק זייער היים."

היינט, איז צו שווער צו בויען גרויסע פראיעקטן אין ניו יארק: אין ניו יארק, קענען מעניופעקטשערינג, האוזינג און ענערגיע פאיעקטן נעמען ביז אזוי פיל ווי 56 פראצענט לענגער פון ווען מען קומט אויף מיט די געדאנק ביז מען הייבט פאקטיש אן בויען אין פארגלייך צו ענדליכע סטעיטס. לענגערע פראיעקטן מיינען העכערע קאסטן, א שוועריגקייט וואס איז ספעציעל קריטיש ווען עס קומט צו ניו יארק’ס האוזינג קריזיס, וואו די איינציגסטע לעזונג צו הויכע קאסטן און די מאנגל פון האוזינג איז צו בויען מער האוזינג שנעלער און ביליגער ווי אמאל. לויט א באריכט פון די בירגער בודשעט קאמיסיע (Citizens Budget Commission), טוט רויטע טעיפ העכערן די קאסטן פון בויען א יוניט פון האוזינג מיט א סכום וואס איז גלייך צו אן 82,000 דאלאר פרייז העכערונג פאר א יוניט אין ניו יארק סיטי. אזוי אויך, טוען אומנויטיגע שווערע באדינגונגען פארשפעטערן נויטיגע אינוועסטירונגען אין ריינע וואסער אינפערסטראקטור, טשיילד קעיר צענטערן און פארקס.

**ניו יארק סיטי מעיאר Zohran Mamdani (זאהראן מאמדאני) האט געזאגט,** "מיר קענען נישט אדרעסירן אונזער האוזינג קריזיס אן עס מאכן לייכטער צו בויען האוזינג אין ניו יארק סיטי. ענווייראנמענטאלע איבערזיכט רעפארם וואלט איבעגעמאכט אונזער רעגולאציעס צו זיין בעסער געאייגנט פאר די 21סטן יאר הונדערט און פארזיכערן אז מיר קענען צושטעלן אן עפארדעביליטי אגענדע גענוג שנעל לויט די געברויכן. איך באגריס גאווערנאר Hochul (האקול) פאר די פארשטענדליכע פארשלאג און איך האף אז עס וועט זיין א טייל פון די איינגעפירטע סטעיט בודשעט דאס יאר. ניו יארקער קענען שוין נישט ווארטן לענגער פאר שריט אויף האוזינג."

**ניו יארק סטעיט עסאסיעשען פון קאונטיס עקזעקעטיוו דירעקטאר Stephen J. Acquario (סטעפען דש. אקוואריאו) האט געזאגט,** "קאונטיס דורכאויס ניו יארק סטעיט אנערקענען אז די סטעיט ענווייראמענטאלע קוואליטעט איבערזיכט אקט שפילט א וויכטיגע ראלע אין באשיצן אונזערע נאטורליכע ריסאורסעס און קאמיוניטיס, אבער אונז ווייסן אויך אז די יעצטיגע SEQR פראצעדור קען זיין איבעריג קאמפלעצירט, צייט-פארשווענדנד און טייער — אפטמאל פארשלעפנדיג האוזינג און אינפערסטראקטור פראיעקטן וועלכע האבן ווייניג אדער קיין שום אפעקט אויף די ענווייראנמענט. אונז באגריסן די גאווערנער'ס איבערזוכט פון די SEQR ראמען און קוקן ארויס צו ארבעטן מיט איר און די לעגיסלאטור צו מאדערניזירן די פראצעס אין א וועג וועלכע היט אפ שטארקע ענוויראמענטאלע באשיצונגען ווען אויך ערלויבענדיג פאר קאונטיס און מוניציפאליטעטן צו צושטעלן די האוזינג און אינפראסטרוקטור ניו יארקער דארפן אזוי שטארק."

**ניו יארק סטעיט קאנפערענס פון מעיארן עקזעקיוטיוו דירעקטאר Barbara Van Epps (בארבארא וואן עפס) האט געזאגט,** "NYCOM טוט אפלאדירן גאווערנאר Hochul (האקול) פאר איר באמיאונגען צו פארגרינגערן די סטעיט ענווייראנמענטאלע קוואליטעט איבערזיכט אקט (SEQRA) פראצעדור, בשעת'ן אנהאלטן לאקאלע קאנטראל. SEQRA איז געאייגנט געווארן צו באשיצן די ענווייראנמענט, אבער עס איז צו אפט גענוצט געווארן צו אויסציען אדער בלאקירן פראיעקטן וועלכע וואלטן געהאט קלארע בענעפיטן אויפ'ן ענווייראנמענט און קאמיוניטי. די געצילטע רעפארמען וואלטן דערגרייכט א וויכטיגע באלאנס דורך פארשנעלערן פראיעקטן מיט מינימאלע ענווייראנמענטאלע אפעקטן בשעת'ן ערלויבן קאמיוניטיס זיך פאראויסצוריקן מיט קריטישע אינוועסטירונגען אין האוזינג, וואסער און אפלויף-וואסער אינפארסטראקטור, און אנדערע וויכטיגע סערוויסעס."

**ניו יארק סטעיט עסאסיעשען פון טאונס עקזעקיוטיוו דירעקטאר Christopher A. Koetzle (קריסטאפער א. קוטסעל) האט געזאגט,** "די ניו יארק עסאסיעישען פון טאונס טוט שטיצן די גאווערנאר'ס באמיאונג צו שניידן רויטע טעיפ און מאדערניזירן די סטעיט ענווייראנמענטאלע קוואליטעט

איבערזיכט אקט (SEQRA). מיר קוקן ארויס אויף אונזער אנגייענדע שותפות מיט די גאווערנאר און אונזער געמיינזאמע ארבעט צוזאמען צו העלפן לאקאלע רעגירונגען ווערן מער עפישענט בשעת'ן פארזיכערן די ישרות פון די לאנד-באנוץ איבערזיכט פראצעדור."

**העלפן אונזער געמיינדעס בויען די האוזינג וואס מיר דארפן**

ווען גאווערנאר Hochul (האקול) איז אריין אין אפיס, האט זי פארשפראכן צו באקעמפן די האוזינג קריזיס און אראפברענגען קאסטן דורך בויען די האוזינג וואס ניו יארקער דארפן אזוי וויכטיג כדי אז מער שווער-ארבעטנדע הויזגעזונדן און פאמיליעס זאלן זיך קענען ערלויבן א פלאץ צו רופן זייער היים. פונדעסטוועגן, טוט צופיל קריטיש-נויטיגטע עפארדעבל האוזינג אנטוויקלונג געצווינגען אדורכצוגיין א נעץ פון ביוראקראטישע שוועריגקייטן געשאפן דורך סטעיט מאנדאטן וועלכע לייגן צו אומנויטיגע קאסטן און יארן פון אומנויטיגע פארשפעטונגען, כאטש וואס מען האט שטענדיג געפונען אז די פראיעקטן האבן נישט קיין שום באדייטנדע אפעקטן אויפ'ן ענווייראנמענט. שטודיעס האבן אפגעשאצט וויאזוי די סטעיט-געפאדערטע ענווייראנמענטל איבערזיכט קען פארשטייטערן האוזינג פראיעקטן מיט דורכשניטליך צוויי יאר, אפקאסטנדיג הונדערטע טויזנטער דאלארן פאר יעדע פראיעקט, אין אז צייט ווען ניו יארקער קענען זיך די וויניגסטע ערלויבן צו ווארטן פאר די האוזינג וואס זיי דארפן צו קענען ווייטער לעבן און בליען אין ניו יארק.

כדי צו פארשנעלערן די אויפבוי פון האוזינג צו שאפן א מער עפארדעבל און סוסטעינעבל ניו יארק, האט גאווערנאר Hochul (האקול) פארגעשלאגן צו טוישן די סטעיט ענווייראנמענטאלע קוואליטעט איבערזיכט אקט (SEQRA) צו אויסשליסן געוויסע סארטן האוזינג פראיעקטן וועלכע האבן נישט קיין שום באדייטנדע ווירקונג אויפ'ן ענווייראנמענט פון זיין אויסגעשטעלט צו נאך SEQRA איבערזיכט. האוזינג וואס איז נישט אויסגעשטעלט צו SEQRA וועט נאכאלס דארפן נאכקומען קריטיש-וויכטיגע סטעיט רעגולאציע און פערמיט פארדערונגען וועלכע פארפיגן אויף וואסער באנוץ, לופט קוואליטעט, ענווייראנמענטאלע גערעכטיגקייט און באשיצונג פון נאטורליכע ריסאורסעס. די פארשלאג שטייגט נישט העכער פון לאקאלע זאונינג און אנדערע פערמיט פארלאנגען, און האוזינג וואס איז אויסגעשלאסן דערפון מוז זיך געפונען אינדרויסן פון געגנטער אויסגעשטעלט צו פארפלייצונגען כדי צו זיין קוואליפיצירט.

יארן פון ערפארונג סיי אין ניו יארק סיטי און דורכאויס דעם סטעיט, וואס האט אריינגענומען מער ווי א טויזענט פראיעקטן, האט געוויזן אז כמעט קיין איינער פון אזעלכע סארט פראיעקטן האבן נישט געהאט קיין באדייטנדע ענווייראנמענטאלע ווירקונגען, אבער זענען פונדעסטוועגן געווען אויסגעשטעלט צו פארצויגענע איבערזיכטן. די רעפארמען וועלן פארשנעלערן די צושטעלונג פון שטארק-נויטיגע האוזינג און רעדוצירן די קאסטן פון בויען אין וועגן וואס קומען נאך אנהאלטונג און ענווייראנמענטאלע-באשיצונג אנטוויקלונג, אראפדרוקנדיג די קאסטן פון האוזינג און רעטנט לענגאויס די סטעיט בשעת'ן באשיצן אונזער נאטורליכע קוועלער.

**פארשנעלערן קריטישע אינפראסטרוקטור פראיעקטן וואס ניו יארקער פארלאזן זיך אויף**

גאווערנאר Hochul (האקול) האט אויך פארגעשלאגן אנצופירן די שנעלערער, ביליגערער צושטעלונג פון א ברייטע אויסוואהל פון בייהילפיגע אינפערסטראקטור פראיעקטן אויף וואס ניו יארקער זענען אנגעוויזן. ספעציפיש, האט די גאווערנאר פארגעשלאגן צו טוישן SEQRA'ס קלאסיפיקאציעס צו געבן אן אויסנאם פאר די פאלגנדע וויכטיגע קאטעגאריעס פון אינפערסטרַאקטור וועלכע קומען נאך ספעציפישע באדינגונגען פון זיין אויסגעשטעלט צו מער SEQRA איבערזיכט צו קענען שנעלער אנהויבן סערווירן ניו יארקער:

- ריינע וואסער אינפראסרטוקטור: קריטישע וואסער אינפערסטראקטור וואס פארמיידט אפעקטן אויף נאטורליכע ריסאורסעס.
- גרינע אינפראסטרוקטור: נאטור-באזירטע שטורעם וואסער פארוואלטונג.
- פארקס און טרעילס: פובליק פארקס און פארוויילונג ביציקל\פיסגייער וועגן

- טשיילד קעיר: נייע אדער איבערגעמאכטע טשיילד קעיר צענטערן

גאווערנאר Hochul'ס (האקול) פארשלאג וועט האלטן די שנעלערער ענווייראנמענטאלע איבערזיכט פראצעדורן בלויז פאר אינפערסטראקטור וואס וועט זיך געפונען אין געגנטער וואו מען האט שוין געבויעט אין פארגאנגענהייט, באשיצנדיג אונזערע נאטורליכע ריסאורסעס און אומבארירטע שטחים בשעת'ן פארשטערקערן אונזערע געגנטער. די גאווערנער'ס צוגאנג קען ברענגען פראקטישע ענווייראנמענטאלע פארדינסטן אריינגערעכנט פארבעסערטע לופט און וואסער קוואליטעט, א רעדוקציע אין קלימאט-שעדיגנדע גאז עמיסיעס און די אפהיטונג פון קריטישע ערטער, אין פארגלייך צו פאליסיס וואס מוטיגן אויסשפרייטונג און אומאיבערגעקוקטע אנטוויקלונג פון נטורליכע ערטער.

יעצט זענען די צייטן פון SEQRA איבערזיכט גאר אנדערש לענגאויס פראיעקטן, וואס מאכט אז לאקאלע געמיינדעס, פראיעקט שטיצער און סטעיט אגענטורן פארגלייך זאלן נישט קענען פארשאצן ווי לאנג עס וועט נעמען. דורך דורכשניידן די רויטע טעיפ, האט גאווערנאר Hochul (האקול) פארגעשלאגן צו:

- צושטעלן שנעלערע באשלוסן פון לאקאלע קאמיוניטיס דורך אוועקשטעלן קלארע צייט-אפשניטן פאר ענווייראנמענטאלע אפעקטן סטעיטמענטס און שטיצן פאראנטווארטליכקייט
- פארגרינגערן ענווייראנמענטאלע ווירקונג סטעיטמענטס צו שניידן די צייט וואס אן איבערזיכט נעמט פאר וויכטיגע פראיעקט קאטעגאריעס
- מאדערניזירן ניו יארק'ס פערמיט פראצעדורן צו שפארן צייט און געלט פאר לאקאליטעטן דורך פארבעסערן פראצעדורן און זיך באנוצן מיט נייע טעכנעלאגיעס
- פארשנעלערן גרויסע סטעיט אינפערסטראקטור פראיעקטן צו שנעלער סערווירן ניו יארקער
- שטיצן לאקאלע קאמיוניטיס דורך א נייע פערמיט אקאדעמי

**ניו יארק סטעיט היימען און קאמיוניטי באנייאונג (Homes and Community Renewal) קאמישענער RuthAnne Visnauskas (רוט-ען ווינאסקעס) האט געזאגט,** "ניו יארקער דארפן דרונגנד מער געלעגנהייטן צו דינגען דירות און קויפן היימען וואס זיי קענען זיך ערלויבן. די SEQRA רעפארמען אויסגערעכנט אין די גאווערנאר'ס "לאז זיי בויען" אגענדע וועט דאס צושטעלן דורך ברענגען קלארקייט, שנעלקייט און גלייכבארעכטיגקייט צו די פראצעדור פון פארמערן האוזינג סופליי און בויען די אינפערסטראקטור און קאמיוניטי ריסאורסעס וואס קומען מיט מיט דעם. די טוישונגען און מאדערניזירונגען וואס די גאווערנאר שלאגט פאר וועלן רעדוצירן די צייט וואס עס נעמט פאקטיש צו אנהויבן בויען מיט מער ווי פיפציג פראצענט בשעת'ן ווייטער אנהאלטן און אפהיטן אונזערע נאטורליכע ריסאורסעס. דאס איז א געוואלדיגע געדאנק וואס וועט מאכן א ריזיגע חילוק אינעם ריכטונג פון שאפן די היימען און בליענדע קאמיוניטיס וואס קומט זיך פאר מענטשן."

**ניו יארק סטעיט אפטיילונג פון ענווייראנמענטאלע קאנסערווירונג ( Department of Environmental Conservation) קאמישענער Amanda Lefton (אמאנדא לעפטאן) האט געזאגט,** "גאווערנאר Hochul'ס (האקול) 'לאז זיי בויען' אגענדע איז קאנצענטרירט ארום געבן אינצענטיוון צו טוהן די ריכטיגע זאך און פארמיידן אפעקטן אויף נאטורליכע ריסאורסעס דורך טרייבן אנטוויקלונג אין ערטער וואו מען האט שוין אמאל געבויעט. פארשטענדליכע רעפארמען צו SEQRA וועלן פארשנעלערן די צושטעלונג פון זאונד און ערלויבטע עפארדעבל האוזינג און אנדערע קריטישע אינפערסטראקטור פראיעקטן וואס ניו יארקער דארפן, און וועלן פארזיכערן מער זיכערקייט ווען עס קומט צו ענווייראנמענטאלע איבערזיכט צייט-אפשניטן אויף וויכטיגע טראנספארטאציע פארבעסערונגען, מוניציפאלע אינפערסטראקטור, און אנדערע פראיעקטן וועלכע בענעפיטירן לאקאלע קאמיוניטיס. די גאווערנאר'ס צוגאנג וועט ברענגען פראקטישע ענווייראנמענטאלע בענעפיטן אין פארגלייך צו פאליסיס וועלכע מוטיגן ברייטע און אומפאראנטווארטליכע אנטוויקלונג פון נאטורליכע ערטער."

**עמפייער סטעיט אנטוויקלונג פרעזידענט, CEO און קאמישענער Hope Knight (האופ נייט) האט געזאגט,** "גאווערנאר o'Hochul (האקול) 'לאז זיי בויען' אגענדע איז א קריטישע שריט אינעם ריכטונג פון צושטעלן די האוזינג, אינפערסטראקטור און ריינע ענערגיע בענעפיטן פאר די טובה פון אלע ניו יארקער. דורך מאדערניזירן די ענווייראנמענטאלע איבערזיכט פראצעדור, שטעלן קלארע און פאראנטווארטליכע צייט-אפשניטן, און אוועקנעמען אומנויטיגע שטערונגען בשעת'ן אנהאלטן שטארקע ענווייראנמנעטאלע באשיצונגען, וועלן די רעפארמען אראפברענגען קאסטן, פארשנעלערן פאראנטווארטליכע אנטוויקלונג, און פארשטערקערן קאמיוניטיס דורכאויס דעם סטעיט."

**סיטי פון ניו ראשעל מעיאר Yadira Ramos-Herbert (יאדירא ראמוס-הערבערט) האט געזאגט,** "לאקאלע רעגירונגען זענען אויף די פראנט ליניעס פון צושטעלן האוזינג, אינפערסטראקטור, און קאמיוניטי פארבעסערונגען, און פארצויגענע, טאפלטע איבערזיכט פראצעדורן קענען פארשטייטערן פראיעקטן אויף וואס איינוואוינער זענען אנגעוויזן. גאווערנער o’Hochul (האקול) פארשלאג צו מאדערניזירן SEQRA אנערקענט די געברויך צו באשיצן אונזער ענווייראנמענט בשעת אויך מאכן לייכטער פאר געמיינדעס צו זיך רוקן פאראויס פאראנטווארטליכעהייט. דורך רעדוצירן אומנויטיגע פארשפעטונגען און פארבעסערן קאארדינאציע, וועלן די רעפארמס העלפן צו נידערן קאסטן, פארמערן דורכזיכטיגקייט און ערלויבן מוניציפאליטעטן אזוויי אונזערע צו פלאנירן און בויען מער אפעקטיוו. איך שעץ די גאווערנער’ס פירערשאפט אין פאראויס רוקן דורכגעטראכטע רעפארמס וואס שטיצן אנהאלטנדע וואוקס און שטערקערע, מער שטאנדהאפטיגע געמיינדעס."

**סיטי און פיקסקיל מעיאר Vivian C. McKenzie (וויוויען סי. מקענזי) האט געזאגט,** "פאר לאקאלע רעגירונגען, טוט צייט שטארק אויסמאכן. גאווערנער o’Hochul (האקול) פארשלאג צו מאדערניזירן SEQRA איז וועגן דורכשניידן אומנויטיגע פארשפעטיגונגען כדי אז געמיינדעס זאלן זיך קענען רוקן פאראויס מיט האוזינג, אינפראסטרוקטור און קוואליטעט-פון-לעבן פראיעקטן וואס איינוואוינער האבן געווארט פאר. די רעפארמס רעספעקטירן די ענווייראנמענטאלע באשיצונגען בשעת וואס זיי געבן פאר שטעט און דערפער די געצייג וואס מיר דארפן פאר צו פלאנירן, בויען און וואקסן פאראנטווארטליך. איך שעץ די גאווערנער’ס פירערשאפט אין אנערקענען אז קלוגע רעפארמען קענען פארשטערקערן סיי אונזער ענווייראנמענטאלע און אונזער לאקאלע עקאנאמיעס."

**ווילעדש און פעלהעם מעיאר Chance Mullen (טשענס מאלען) האט געזאגט,** "לאקאלע פירער האבן שוין לאנגע יארן געבעטן פאר SEQRA רעפארם, און עס מוטיגט צו זען ווי גאווערנאר Hochul (האקול) הערט אויס. איך בין אפשאצנדיג אפטימיסטיש אז די פארשלאג קען העלפן געמיינדעס צושטעלן די האוזינג וואס אונזער איינוואוינער דארפן בשעת’ן שניידן אומנויטיגע ביוראקראטישע שוועריגקייטן. לייכטער מאכן צו בויען הייזער איז וויכטיג פאר צו פארלייכטערן קאסטן פאר אלגעמיינע ניו יארקער און נאכקומען די געברויכן פון אונזער ווילער."

**ווילעדזש און פרעדאניע (Fredonia) מעיאר Mike Ferguson (מייק פורגוסאן) האט געזאגט,** "גאווערנער o’Hochul (האקול) פארגעשלאגענע ענדערונג צו יעצטיגע טיילן פון די סטעיט ענווייראנמענטאלע קוואליטעט איבערזיכט אקט (SEQRA) וועט האבן די גרעסטע ווירקונג דורך העלפן צו עלימינירן מער שטרויכלונגען פאר בירגער וואס ווילן קויפן קליינע און עטליכע-פאמיליע הייזער. דאס וועט אוועקנעמען נאך א פינאנציעלע עול פאר מענטשן וואס קויפן הייזער. יענס איז א גרויסע הילף פאר געמיינדעס פון אונזער מאס. ווידעראמאל טוט די גאווערנער ווייזן אז זי קעמפט פאר פאמיליעס און קאמפט פאר אונז יעדן טאג."

**איסט העמפטאן טאון סופערווייזער Kathee Burke-Gonzalez (קאטי בורק-גאנזאלעז) האט געזאגט,** "איסט העמפטאן דארף האבן נאך עפארדעבל האוזינג כדי די מענטשן וואס האלטן אויף אונזער דארף זאלן דא ווייטער קענען וואוינען, ארייננגערעכנט לערער/ינס, העלט קעיר ארבעטער,

ערשטע רעספאנדער, טאון איינגעשטעלטע און יונגע פאמיליעס. איך שעץ גאווערנער Hochul (האקול) פאר'ן דאס מאכן א פריאריטעט און פאר שטיצן א קלארערע, מער כסדר'דיגע איבערזיכט פראצעדור וואס העלפט קאמיוניטיס בויען די הייזער וואס ניו יארקער דארפן בשעת'ן ווייטער באשיצן אונזער ענווייראנמענט, אונזער וואסער און אונזער אפענע פלאץ."

**סיטי פון ראטשעסטער מעיאר Malik Evans (מאליק עווענס) האט געזאגט,** "איך אפלאדיר גאווערנאר Kathy Hochul'ס (קעטי האקול) פארגעשלאגענע רעגולאציע רעפארמען, וועלכע וועלן ווייטער באשיצן אונזער ענווייראנמענט בשעת'ן אדורכשניידן אומנויטיגע רויטע טעיפ. די רעפארמען וועלן אונז ערלויבן זיך צו רוקן שנעלער אויף פראיעקטן וועלכע זענען קריטיש וויכטיג פאר די געזונטהייט און זיכערהייט פון אונזערע איינוואוינער."

**סיטי פון ווייט פלעינס מעיאר Justin Brasch (דשאסטין ברעש) האט געזאגט,** "איך אפלאדיר גאווערנאר Hochul'ס (האקול) פארגעשלאגענע SEQRA רעפארמען דורך איר 'לאז זיי בויען' אגענדע," האט געזאגט ווייט פלעינס מעיאר Justin Brasch (דשאסטין ברעש). "די פארשטענדליכע טוישונגען טוען אדורכשניידן אומנויטיגע רויטע טעיפ בשעת'ן דערגרייכן די ריכטיגע באלאנס-מוטיגן קלוגע וואוקס און אנהאלטן זאונינג אטאריטעט, זעלבסטשטענדיגע היים רעגולירונג, און ענווייראנמענטאלע גערעכטיגקייט. אלס די שנעלסט-וואקסנדע סיטי אין ניו יארק סטעיט, דארף ווייט פלעינס האבן די געצייג וועלכע וועלן אונז ערמעגליכן צו בויען שנעלער און מער עפארדעבל, און די פלאן שטעלט דאס צו."

**סיטי פון מאונט ווערנאן מעיאר Shawyn Patterson-Howard (שאון פעטערסאן-האויווארד) האט געזאגט,** "אין מאונט ווערנאן, האט אדמיניסטראטיווע רויטע טעיפ צו אפט דערשטיקט די פארשריט וואס קומט זיך פאר אונזער קאמיוניטי, צולייגנדיג יארן פון פארשפעטיגונגען און מיליאנען דאלארן אין קאסטן פאר פארזיכערטע, נוטיגע פראיעקטן. איך טוה פולקאם שטיצן גאווערנאר Hochul'ס (האקול) 'לאז זיי בויען' אגענדע וויבלאד עס שטיצט לאקאלע פירער צו קענען שנעלער צושטעלן רעזולטאטן. דורך מאדערניזירן SEQRA פאר פראיעקטן אן קיין באדייטנדע ענווייראנמענטאלע אפעקטן, טוען מיר אויסקלארן דעם וועג פאר די עפארדעבל היימען און מאדערנע האוזינג וואס אונזערע פאמיליעס דארפן בשעת'ן פארבלייבן שטאנדהאפטיגע באשיצער פונעם ענווייראנמענט."

**סיטי פון קינגסטען מעיאר Steve Noble (סטיוו נאובעל) האט געזאגט,** "לאקאלע רעגירונגען ווילן זיך רוקן פאראויס מיט האוזינג און אינפערסטראקטור פראיעקטן וואס אונזערע קאמיוניטיס דארפן, אבער די פראצעדור קען זיין שטייט און שווער פארצושאצן. גאווערנאר Hochul'ס (האקול) 'לאז זיי בויען' פארשלאג נעמט א דורכגעטראכטע צוגאנג דורך פארגרינגערן איבערזיכט צייט-אפשניטן בשעת'ן אנהאלטן ענווייראנמענטאלע באשיצונגען. די טוישונגען וועלן געבן פאר סיטיס ווי קינגסטען מער זיכערהייט, וועלן העלפן קאנטראלירן קאסטן, און אונז ערמעגליכן צו פלאנירן און בויען מער אפעקטיוו פאר אונזערע איינוואוינער."

**סיטי פון מידעלטאון מעיאר Joe DeStefano (דשאו דיסטעפענאו) האט געזאגט,** "אין מידעלטאון, טוען מיר זיך קאנצענטרירן אויף רוקן פראיעקטן פון פלאנירונג צום מציאות, צו דאס איז האוזינג, אינפערסטראקטור, אדער צוריק-אינוועסטירן אין אונזער דאונטאון און געגנטער. ווען איבערזיכן נעמען צו לאנג אדער האבן נישט קיין קלארע צייט-אפשניט, קען עס פארשטייטערן פארשריט און ארויפטרייבן קאסטן. גאווערנאר Hochul'ס (האקול) 'לאז זיי בויען' אגענדע לייגט געוויכט אויף עפישענסי און מעגליכקייט צו קענען פאראויסשאצן, בשעת'ן אנהאלטן שטארקע ענווייראנמענטאלע באשיצונגען. די צוגאנג געבט פאר אזעלכע לאקאלע רעגירונגען ווי אונזער די מעגליכקייט זיך צו רוקן פאראויס פאראנטווארטליכערהייט און צושטעלן רעזולטאטן פאר איינוואוינער."

**סיטי פון באפעלאו מעיאר Sean Ryan (שאון רייען) האט געזאגט,** "באפעלאו'ס געברויך פאר מער האוזינג און צו מאדערניזירן אונזער קריטישע אינפערסטראקטור זעהט זיך אן יעדן טאג. גאווערנאר Hochul'ס (האקול) 'לאז זיי בויען' אגענדע העלפט רעגירונגען ארבעטן מיט די שנעלקייט פון אונזער קאמיוניטיס' געברויכן. דאס וועט שניידן אומנויטיגע רויטע טעיפ וואס טוט ארויפטרייבן קאסטן און פארשטייטערן פראיעקטן וועלכע האבן שוין די שטיצע פונעם באפעלקערונג — אלס בשעת'ן אנהאלטן די ענווייראנמענטאלע באשיצונגען וואס ניו יארקער ערווארטן שוין היינט צוטאגס. די רעפארמען וועלן העלפן אפסטעיט סיטיס ווי באפעלאו צושטעלן עפארדעבל האוזינג, ריינע וואסער אינפערסטראקטור, און דירעקטע אינוועסטירונגען אין אונזערע געגנטער אן יארן פון פארמיידבארע פארשפעטיגונגען."

**ווילעדש פון פארט טשעסטער מעיאר Luis Marino (לואיס מארינאו) האט געזאגט,** "מוניציפאליטעטן ווי פארט טשעסטער טוען פאראויסריקן די אויפבוי פון נייע האוזינג, פארבעסערן, און מער ווירקזאם מאכן לאקאלע אינפערסטראקטור, און אנפירן שאוועל-גרייטע דאונטאון ריהאביליטאציע פראיעקטן אויף וואס אונזערע איינוואוינער און ראיאנישע עקאנאמיע זענען אנגעוויזן. איבער די פארגאנגענע עטליכע יאר, האבן מיר געשטיצט טראנספארמירנדע וואסער-ברעג אינוועסטירונגען, גרויסע אפלויף-וואסער און שאסיי פארבעסערונגען, פיס-גייער געצילטע איניציאטיוון ווי די LOOP!, פארבעסערט אונזערע גרינע ערטער, און געשאנקען טויזנטער יוניטס פון נייע האוזינג לאקאציע פלאן באשטעטיגונג—אלס בשעת'ן אדורכגיין קאמפלעצירטע און אפטמאל פארצויגענע ענווייראנמענטאלע איבערזיכט צייט-אפשניטן. אדורכגעטראכטע מאדערניזירונג פון די SEQRA פראצעדור, ווי פארגעשלאגן דורך גאווערנאר Hochul (האקול), קען אנהאלטן שטארקע ענווייראנמענטאלע באשיצונגען בשעת'ן פארבעסערן קאארדענירונג, רעדוצירן אומנויטיגע פארשפעטיגונגען, און צושטעלן מער פאראויסשאצונג מעגליכקייטן פאר קאמיוניטיס וועלכע פראבירן צו בויען פאראנטווארטליכערהייט. די רעפארמען וועלן העלפן מוניציפאליטעטן ווי פארט טשעסטער צו קענען פאראויס ריקן די קומענדיגע פאזע פון האוזינג און געמישטע-באניץ פראיעקטן אויף א מער עפישענט פארנעם, קענען קאנטראלירן פראיעקט קאסטן, און ווייטער פארשטערקערן און אויסברייטערן בליענדע, סוסטעינעבל דאונטאונס וועלכע שטיצן לאנג-טערמיניגע עקאנאמישע וואוקס."

**מענהעטען בארא פרעזידענט Brad Hoylman-Sigal (ברעד האולמען-סיגעל) האט געזאגט,** "מענהעטען איינוואוינער מוטשענען זיך מיט א האוזינג קריזיס און שטייגנדע קאסטן וועלכע פאדערן געוואגטע שריט, נישט ענדלאזע פראצעדורן — אין א צייט ווען די דורכשניטליכע רענט אין מענהעטען דערנענטערט זיך צו 5,000 דאלאר א חודש, שטופנדיג ארבעטנדע פאמיליעס און הייקלע קאמיוניטיס צום פונקט פון אונטערברעכונג. גאווערנאר Hochul'ס (האקול) 'לאז זיי בויען' אגענדע אנערקענט אז ווען רעגירונג פארפלאנטערט זיך אין אלטמאדישע ביוראקראטיע, טוען ארבעטנדע פאמיליעס און הייקלע קאמיוניטיס צאלן די פרייז דערפאר. די רעפארמען וועלן אונז העלפן צושטעלן מער עפארדעבל האוזינג, טשיילד קעיר צענטערן, ריינע וואסער אינפערסטראקטור, און קלימאט-פאראויס פראיעקטן שנעלער און מער גלייכבארעטיגטערהייט, בשעת'ן ווייטער באשיצן אונזער ענווייראנמענט און פובליק געזונטהייט. איך דאנק גאווערנאר Hochul (האקול) פאר'ן פאראויסריקן א פארשטענדליכע, פרא-האוזינג און פרא-קלימאט צוגאנג וואס שטעלט רענטער, פאמיליעס און צוקונפטיגע ניו יארקער ערשט, פארשטערקערט קאמיוניטיס, און רוקט ניו יארק אין ריכטונג פון א מער יושר'דיגע און סוסטעינעבל צוקונפט."

**קווינס בארא פרעזידענט Donovan Richards Jr. (דאנאוון ריטשארדס דשוניער) האט געזאגט,** "אונזער סיטי און סטעיט מוטשענען זיך מיט א היסטארישע האוזינג קריזיס וואס שטעלט אין געפאר אומצאליגע פאמיליעס וואס וואוינען ביים שוועל פון הײמלאזיגקייט, און מיר מוזן אויסנוצן יעדער מעגליכקייט צו באשיצן, אנהאלטן, און שנעל בויען מער עפארדעבל האוזינג. דאס איז פונקטליך וואס די רעפארמען פארגעלייגט דורך גאווערנאר Hochul (האקול) וועלן טוהן דורך אוועקנעמען די רויטע טעיפ וואס האט צוגעגעבן צו די קריזיס דורך אומנויטיגערהייט פארציען און בלאקירן בוי ארבעט. איך באגריס די

גאווערנאר פאר'ן פארלייגן איר ברייטע 'לאז זיי בויען' איניציאטיוו, און איך בין שטאלץ צו ארבעטן מיט איר אויף די אונטערנעמונג."

**ניו יארק סיטי קאונסיל מאיאריטעט פירער Shaun Abreu (שאון אברעיאו) האט געזאגט,** "אינעם שאטן פונעם יעצטיגן האוזינג קריזיס, דארפן מיר טוען אלס וואס מיר קענען צו פארמערן די צאל האוזינג אינעם סיטי'ס האוזינג מארק און זיכער מאכן אז ניו יארק איז עפארדעבל פאר ארבעטנדע פאמיליעס. 'לאז זיי בויען' איז א וויכטיגע איניצאטיוו וואס וועט אדורכשניידן רויטע טעיפ און פריאריטיזירן אונזערע מערסט דרונגנדע געברויכן. עס איז די סארט קלוגע רעגירונג וואס מיר דארפן צו קענען שנעלער בויען נייע היימען, און איך אפלאדיר גאווערנאר Hochul (האקול) פאר'ן אנפירן די אונטערנעמונג וואס וועט העלפן שאפן א מער עפארדעבל און סוסטעינעבל צוקונפט."

**ניו יארק סיטי קאונסיל מיטגליד Yusef Salaam (יוסעף סאלאם) האט געזאגט,** "ניו יארק'ס האוזינג און אינפערסטראקטור קריזיסן זענען נישט געקומען צוליב א מאנגל אין געדאנקען, נאר דורך פראצעדורן וועלכע זענען געווארן צו שטייף, צו צושטיקלט, און צו טייער פאר די צייט וואו מיר געפונען זיך יעצט. גאווערנאר Hochul'ס *'לאז זיי בויען'* איניציאטיוו דערגרייכט די פאסיגע באלאנס דורך שניידן אומנויטיגע פארשפעטיגונגען בשעת'ן אנהאלטן ענווייראנמענטאלע באשיצונגען און מכבד זיין לאקאלע זאונינג באשלוסן. די רעפארמען וועלן העלפן צושטעלן די האוזינג, ריינע וואסער, פארקס און קאמיוניטי אינפערסטראקטור וואס ניו יארקער דארפן — שנעלער, מער עפארדעבל, און מיט פאראנטווארטליכקייט."

**ניו יארק סיטי קאונסיל מיטגליד Selvena N. Brooks-Powers (סעלווענע נ. ברוקס-פאויווערס) האט געזאגט,** "ניו יארק איז אין די מיט פון א האוזינג קריזיס, און מיר מוזן טרעפן וועגן צו נאכקומען די האוזינג געברויכן פון ארבעטנדע ניו יארקער. גאווערנאר Hochul'ס (האקול) פארשלאג צו פארגרינגערן אלטמאדישע פראצעדורן איז א וויכטיגע שריט אינעם ריכטונג פון רעדוצירן אומנויטיגע פארפעטיגונגען און קאסטן. אין די צייט וואס די רעפארמען רוקן זיך פאראויס, איז עס קריטיש-וויכטיגע אז מיר טוען ווייטער באשיצן אונזער ענווייראנמענט, זיך ווייטער רעכענען מיט מיינונגען פון קאמיוניטיס, און פארזיכערן אז נייע אנטוויקלונג ברענגט באדייטפולע עפארדעביליטי און רייכטום-בויענדע געלעגנהייטן פאר ארבעטנדע פאמיליעס."

**רעמעפאו טאון סופערוויייזער Michael Specht (מייקעל ספעקט) האט געזאגט,** "איך באגריס גאווערנאר Hochul (האקול) פאר די שטארק נויטיגע רעפארם פון SEQRA, וואס האט שוין פאר צו לאנג אפגעהאלטן און פארצויגן די קאנסטרוקציע פון די האוזינג וואס אונזער ראיאן דארף דרונגנד האבן. פארשטענדליכע פארגרינגערונג פון אלטמאדישע רעגולאציעס וועט אונז ערמעגליכן צו אדרעסירן די מאנגל פון עפארדעבל האוזינג און פארבעסערן קריטישע אינפערסטראקטור. אלס א פרא-האוזינג קאמיוניטי, קוקן מיר ארויס אויף קלוגע, סוסטעינעבל אנטוויקלונג פאר אונזערע איינוואוינער."

**עמהערסט טאון סופערוויייזער Shawn Lavin (שאון לאווין) האט געזאגט,** "די רעפארם וואלט שוין לאנג געדארפט פארקומען. SEQR איז געווען א וויכטיגע ענווייראנמענטאלע באשיצונג זייט 1976, אבער אין פיל פעלער איז די פראצעדור געווארן צו קאמפלעצירט, שאפנדיג פארשפעטיגונגען און הייבנדיג קאסטן וועלכע מאכן עס שווערע צוצושטעלן נויטיגע האוזינג און ווידער-אנטוויקלונג. די גאווערנאר'ס פארשלאג האט די ריכטיגע באלאנס, עס באשיצט דאס וואס מאכט אויס בשעת'ן אוועקנעמען שטערונגען וועלכע דינען שוין נישט זייער אריגינעלע צוועק. פאר עמהערסט, וועט די מעגליכקייט צו פאראויסריקן פראיעקטן אויף שטחים וועלכע פארמאגן שוין אינפערסטראקטור זיין גאר א גרויסע טובה, און מיר זענען דאנקבאר פאר גאווערנאר Hochul'ס פירערשאפט אויף די וויכטיגע רעפארם."

**SEIU 32BJ פרעזידענט Manny Pastreich (מעני פעסטרייך) האט געזאגט,** "מיר האבן א האוזינג קריזיס. די וועג וויאזוי מיר אדרעסירן יענער קריזיס מיט זיין באלאנסירט מיט די ענווייראנמענטאלע עפעקטן פון פרישע געביידעס. די פאליסי פארשלאג האלט אן ענווייראנמענטאלע באשיצונגען און מאכט עס וויניגער קאמפליצירט פאר האוזינג צו געבויעט ווערן. גאווערנער Kathy Hochul (קעטי האקול) טרעפט דא צו די ריכטיגע באלאנס."

**פרעזידענט פון די האטעל און געימינג טרעידס קאונסיל (Hotel and Gaming Trades Council) Rich Maroko (ריטש מאראקאו) האט געזאגט,** "ניו יארק'ס האוזינג קריזיס באדראעט די פרנסות פון שווער-ארבעטנדע פאמיליעס לענגאויס אונזער סטעיט. ווידעראמאל, טוט גאווערנער o'Hochul (האקול) דרייסטע סטראטעגיע צייגן ריכטיגע פירערשאפט און א קלארע פארפליכטונג צו מאכן ניו יארק מער עפארדעבל פאר די מענטשן וואס וואוינען און ארבעטן דא."

**ניו יארק סטעיט עסאוסיעישען פאר עפארדעבל האוזינג (Association for Affordable Housing) פרעזידענט און CEO Carlina Rivera (קארלינע ריווערע) האט געזאגט,** "ניו יארק טוט אויסלויפן פון צייט צו אדרעסירן איר עפארדעבל האוזינג קריזיס, און אומנויטיגע פארשפעטיגונגען אין די SEQRA פראצעדור טוט עס מאכן שווערער און טייערער צו בויען די היימען וואס ניו יארקער דארפן. גאווערנאר o'Hochul (האקול) פארגעשלאגענע SEQRA רעפארמען טוען דערגרייכן די ריכטיגע באלאנס דורך פארגרינגערן איבערזיכט פאר פאסיגע עפארדעבל האוזינג פראיעקטן בשעת'ן אנהאלטן קריטישע ענווייראנמענטאלע באשיצונגען. די טוישונגען וועלן רעדוצירן קאסטן, שאפן בעסערער פארשאצונג מעגליכקייטן, און העלפן שנעלער צושטעלן היימען. מיר מוטיגן שטארק די לעגיסלאטור צו ארבעטן מיט'ן גאווערנאר צו פארזיכערן אז די וויכטיגע רעפארמען בלייבן אין די ענדגילטיגע בודשעט."

**ניו יארק האוזינג קאנפערענס (New York Housing Conference) עקזעקיוטיוו דירעקטאר Rachel Free (רעיטשעל פרי) האט געזאגט,** "רעפארמען SEQRA איז קריטיש וויכטיג צו אויפעפענען האוזינג פראדוקציע אין ניו יארק. די יעצטיגע פראצעדור טוט אפטמאל שאפן יארן פון פארשפעטיגונגען, ארויפטרייבן קאסטן, און בלאקירן האוזינג און אינפערסטראקטור פראיעקטן אן צושטעלן בעסערער ענווייראנמענטאלע תוצאות. די גאווערנאר'ס פארגעשלאגענע מאדערניזירונגען וועט מיט רעכט זיך קאנצענטרירן אויף פראיעקטן מיט באמת באדייטנדע אפעקטן, בשעת'ן רעדוצירן די פארשפעטיגונג אויף וויכטיגע האוזינג פראיעקטן. SEQRA רעפארם איז וויכטיג צו פאראויסריקן עפארדעבל האוזינג און די עקאנאמישע לעבהאפט וואס ניו יארק דארף אזוי דרונגנד בשעת'ן אנהאלטן שטארקע ענווייראנמענטאלע באשיצונגען."

**נאציאנאלע פעדערעישען פון זעלבסטשטענדיגע ביזנעס (National Federation of Independent Business) ניו יארק סטעיט דירעקטאר Ashley Ranslow (עשלי רענסלאו) האט געזאגט,** "גאווערנאר o'Kathy Hochul (קעטי האקול) פארשלאג צו רעפארמען SEQRA איז א פראקטישע און נויטיגע שטריט צו העלפן פארגרינגערן און פארשנעלערן די אנטוויקלונג און בויען פראצעדור. אין ניו יארק, נעמט עס צופיל און צייט און ריסאורסעס צו פאקטיש אנהויבן פראיעקטן — וואס טוט צום ענדע ארויפטרייבן די קאסטן פון קאנסטרוקציע. רעפארמירן SEQRA וועט שניידן רויטע טעיפ, פארשנעלערן בויען פראיעקטן און זיי מאכן מער עפארדעבל, וואס וועט צום ענדע העלפן די סטעיט'ס עקאנאמיע, קליינע ביזנעסער און קאמיוניטיס דורכאויס דעם סטעיט."

**פארטנערשיפ פאר ניו יארק סיטי (Partnership for New York) פרעזידענט און CEO Steven Fulop (סטיווען פולאפ) האט געזאגט,** "איך הער צו אפט פון באורד מיטגלידער ביי די פארטנערשיפ אז מען האט שוין לאנג געדארפט פאררעכטן SEQRA. עס איז מער ביוראקראטיש ווי עס פעלט אויס, און עס ציעט אויס פראיעקטן. איך בין צופרידן אז גאווערנאר Hochul (האקול) נעמט זיך צו די נושא, וויבאלד עס איז אן אומנויטיגע פאקטאר אין ארויפטרייבן די קאסטן פון האוזינג אנטוויקלונג אינעם סיטי."

**אפענע ניו יארק (Open New York) עקזעקיוטיוו דירעקטאר Annemarie Gray (אנמערי גרעי) האט געזאגט,** "מאדערניזירן SEQRA איז איבער צוריקשטעלן צוטרוי אז אונזער רעגירונג קען צושטעלן די זאכן וואס ניו יארקער דארפן. ווען קריטישע פראיעקטן גייען אריבער פינף יאר פון ווערן אפגעשטופט דורך פעיפערווארק, פארלירן מענטשן זייער בלויבונג אין די רעגירונג. ווי מען האלט יעצט, שטיין אונז אויס סיי אן עפארדעביליטי קריזיס און סיי א קלימאט קריזיס — זיי טוען ביידע פארלאנגען זאפארטיגע שריט, און ניו יארקער פאמיליעס קענען זיך נישט ערלויבן צו ווארטן יארן פאר פארשפעטיגונגען געטריבן דורך נארישע קלאגעס. אונז קאמענדירן גאווערנער (קעטי האקול) פארן זיך נעמען דערצו און מוטיגן די סטעיט לעגיסלאטור צו דורכפירן SEQRA רעפארם אין די היי יעריגע סטעיט בודשעט."

**בירגער בודעשט קאמיסיע פרעזידענט Andrew Rein (אנדרעי רעין) האט געזאגט,** "אונז קאמענדירן גאווערנער Hochul (האקול) פארן פארשלאגן די בראווע טריט צו טרייבן שטארק-געדארפטע האוזינג פראדוקציע. רעפארמירן די שווערע ענוויראמענטאלע איבערזיכט פראצעס וועט מאכן בויען האוזינג ביליגער און שנעלער, אן נאך קאסטן צו די סטעיט. דעס איז די סארט פון קלוגע באשלוס וועלכע וועט מאכן אונזער סטעיט מער צוגענגליך און פארמעסטליך."

**גרעיטער ראטשעסטער טשעמבער פון קאמערס ( Greater Rochester Chamber of Commerce) פרעזידענט און CEO, און געוועזענע לוטענענט גאווערנאר Robert Duffy (ראבערט דאפי) האט געזאגט,** "איך אפלאדיר גאווערנאר Hochul'ס (האקול) פלאן צו רעפארמירן און מאדערניזירן די SEQR פראצעדור. די יעצטיגע פראצעדור און פארלענגערטע צייט האט געמאכט NYS וויניגער ציענד און קאנקורירנד פאר קאנסטראקשן און וואוקס. די יעצטיגע SEQR פראצעדור אינאיינעם מיט אנדערע רעגולירנדע שטערונגען האבן דראמאטיש פאשטייטערט היים קאנסטראקשן אין די צייט וואס NYS דארף האוזינג מער ווי אמאל. די גאווערנער האט פונקטליך צוגעטראפן מיט איר פארשלאג — וואס וועט האבן א שטארקע ווירקונג אויף האוזינג, קאנסטראקציע און אונזער עקאנאמיע."

**ראיאנישע פלאן עסאוסיעישען (Regional Plan Association) פרעזידענט און CEO Tom Wright (טאם רייט) האט געזאגט,** "רעפארמען צו די סטעיט ענווייראנמענטאלע קוואליטעט איבערזיכט אקט (SEQRA) וועט העלפן פארשנעלערן די קלוגע, סוסטעינעבל אינפערסטראקטור וואס אונזער ראיאן דארף, און מיר באגריסן גאווערנער Kathy Hochul (קעטי האקול) פאר איר דרייסטע פירערשאפט מיט'ן אונטערנעמען די לאנג-פארשפעטיגטע ארבעט. פאר איבער הונדערט יאר, האט די RPA זיך קאנצענטרירט אויף איין הויפט מיסיע: פארבעסערן די לעבנס קוואליטעט לענגאויס די טריי-סטעיט ראיאן דורך פאראויסרוקן לעזונגען וואס ברענגען עקענאמישע לעבעדיגקייט, ענווייראנמענטאלע שטאנדהאפטיגקייט און געזונטע, בליענדע געמיינדעס. SEQR מאדערניזירונג וועט געבן א גרינע ליכט פאר די האוזינג, ענערגיע און טראנזיט אינוועסטירונגען וואס ניו יארקער שטיצן און וואס אונזער ראיאן דארף האבן כדי צו בלייבן קאנקערירנד, מעסיג און שטאנדהאפטיג."

**עסאוסיעישען פאר א בעסערער לאנג איילענד (Association for a Better Long Island) עקזעקיוטיוו דירעקטאר Kyle Strober (קייל סטראובער) האט געזאגט,** "דאס איז א באדייטנדע אפדעיט פאר די ניו יארקער עקאנאמישע אנטוויקלונג קאמיוניטי. איינע פון די גרעסטע שוועריגקייטן וואס עקענאמישע אנטוויקלונג פראיעקטן שטייען אויס איז אומפאראויסגעשאצטע צייטן און פארבאטענדע קאסטן פאר קליינע ביז מיטלמעסיגע פראיעקטן. די רעפארמען, פארגעשלאגן דורך גאווערנער Hochul (האקול), וועלן העלפן ברענגען עקאנאמישע אנטוויקלונג, שאפן האוזינג, און העלפן מאכן ניו יארק מער עפארדעבל."

**לאנג איילענד קאנטראקטערס' עסאוסיעישען (Long Island Contractors' Association) עקזעקיוטיוו דירעקטאר Marc Herbst (מארק הערבסט) האט געזאגט,** "קאנטראקטערס לענגאויס

לאנג איילענד טוען באגריסן באמיאונגען צו מאדערניזירן SEQRA כדי וויכטיגע אינפערסטראקטור פראיעקטן זאלן זיך קענען פאראויסרוקן אין א מער צייטליכע און פאראויסגעשאצטע וועג. פארגרינגערן איבערזיכטן פאר פראיעקטן מיט מינימאלע ענווייראנמענטאלע ווירקונג וועט העלפן געמיינדעס צושטעלן קריטישע אפגרעידס צו שאסייען, וואסער, ענערגיע און פובליק איינריכטונגען - שטיצנדיג גוט-באצאלטע לאקאלע דזשאבס בשעת'ן אנהאלטן שטארקע ענווייראנמענטאלע סטאנדארטן."

**פערמענאנטע בירגער עדווייזארי קאמיטעט פאר די MTA (Permanent Citizens Advisory Committee to the MTA) עקזעקעטיוו דירעקטאר Lisa Daglian (ליסא דאגליען) האט געזאגט,** "SEQR רעפארם איז א וויכטיגע צוגאב צו טראנזיט-אריענטירטע אנטוויקלונג פראיעקטן ארום די MTA ראיאן, באקעמפענדיג די האוזינג עפארדעביליטי און קלימאטן טויש קריזיסן אינאיינעם. מיר אפלאדירן גאווערנאר Hochul (האקול) פארן אננעמען די קלוגע לעגיסלאציע וואס וועט שניידן רויטע טעיפ און מוטיגן מער טראנזיט רייזערשאפט דורכאויס די ראיאן."

**ניו יארק סטעיט עקאנאמישע אנטוויקלונג קאונסיל (Economic Development Council) עקזעקעטיוו דירעקטאר Ryan M. Silva (רייען מ. סילווע) האט געזאגט,** "אדורכשניידן רויטע טעיפ און פארקורצערן ווארט-צייטן פאר פראיעקט באשטעטיגונגען זענען קריטיש וויכטיג צו עררייכען אונזערע האוזינג, אנטוויקלונג און ריניועבעל ענערגיע צילן. די גאווערנער'ס פארשלאג צו באפרייען האוזינג פראיעקטן פון SEQRA און אריינשטעלן א צוויי יאר קעפ פאר איבערזיכט איז א וויכטיגע און נויטיגע ערשטע טריט צו העלפן שטיצן ניו יארק'ס ביזנעס קלימאט. די איניציאטיוון וועלן העלפן פארמינערן פראיעקט קאסטן, שאפן פארזעהבארקייט אין די פערמיט באשטעטיגונג פראצעס און שאפן עקאנאמישע געלעגנהייט איבער די סטעיט."

**וועסטשעסטער קאונטי פארבאנד פרעזידענט און CEO Michael N. Romita (מייקעל נ. ראמיטא) האט געזאגט,** "גאווערנער Hochul's (האקול'ס) SEQRA רעפארמס זענען א זייער וויכטיגע טריט פאראויס צו אדרעסירן די סטעיט'ס קריטישע האוזינג מאנגל. טראץ איר נאבלע אנהייב, איבער די פארגאנגענע האלבע יארהונדערט, SERQRA איז געווארן מער און מער מיסברויכט דורך איבערבאנוץ און מאדערניזאציע איז לאנג געדארפט. די רעפארמס טוהן נישט איבערהיפן לאקאלע קאנטראל, און זיי פארלאנגען נישט געמיינדעס צו טוישן זייער זאונינג. נאר זיי פארשטערקערן לאקאלע אפיצירן צו נאכקומען די היינטיגע געברויכן."

**לאנג איילענד פארבאנד (Long Island Association, LIA) פרעזידענט און CEO Matt Cohen (מעט כהן) האט געזאגט,** "רויטע טעיפ און איבעררעגולאציע טוט דערשטיקן אינאוואציע און האלט צוריק שטארק געדארפטע פראיעקטן וועלכע געבן צו עקאנאמישע וואקס. די LIA טוט קאמענדירן די גאווערנער'ס פארשלאג צו גלאט מאכן ענוויראמענטאלע איבערזיכטן פאר נייע האוזינג, וועלכע גיין א לאנגע וועג צו אדרעסירן אונזער עקזיסטענץ קאסט-פון-לעבן קריזיס אויף לאנג איילענד."

**אדריאנדאק עסאוסיעישען פון טאונס און ווילעדשעס ( Adirondack Association of Towns and Villages) פרעזידענט, עסעקס קאונטי פארזיצער פון באורד פון לעגיסלאטורן ( Essex County Chair of Board of Legislators) און מינערווא טאון סופערווייזער Steve McNally (סטיוו מעקנאלי) האט געזאגט,** "טראץ וואס דאס אליינס וועט נישט גענצליך לעזן די האוזינג קריזיס, וועט עס זיכער פארשנעלערן זאכן. די גאווערנער טוט עכט אויסהערן און אונז שעצן די הילף זי געט אונז."

**ניו יארק סטעיט ביזנעס קאונסיל (New York State Business Council) פרעזידענט און CEO Heather Mulligan (העטער מוליגען) האט געזאגט,** "ניו יארק'ס האוזינג מאנגל איז אן אנגייענדע עקאנמישע זארג אין אלע ראיאנען פון ניו יארק סטעיט. מאדערניזירן ענוויראמענטאלע איבערזיכט

רעגולאציעס - אן אפשטעלן באשיצונגען - קען שניידן יארן פון רויטע טעיפ, נידערן אויפבוי קאסטן און פארשנעלערן די צושטעלן פון האוזינג וועלכע פאמיליעס און ארבעטער זענען זיך ערלויבן. פארשנעלערן וויכטיגע אינוועסטירונגען פראיעקטן - וועט שטיצן דשאב שאפונג, געמיינדע וואקס און העלפן מאכן ניו יארק מער פארמעסטליך."

**ראקלענד ביזנעס פארבענד Jeffrey Greenberg CEO (דשעפערי גרינבערג) האט געזאגט,** "גאווערנער Hochul's (האקול'ס) פארשלאג צו שניידן רויטע טעיפ און מאדערניזירן די פערמיטס איז א קלוגע שריט פאר ניו יארק. דורך פארשניעלערן די צוריקגעשטאנענע פראצעסן ווען אנהאלטן ענוויראמענטאלע באשיצונגען און פובליק אינפוט, די ריפארמס וועלן העלפן ראקלענד רוקן קריטישע פראיעקטן פאראויס שנעלער און אויף א קלענערע קאסט ווען צו די זעלבע צייט שטיצן עקאנאמישע וואקס איבער ניו יארק סטעיט."

**וועסטשעסטער ביזנעס קאונסיל (Westchester Business Council, WBC) וויצע פרעזידענט John Ravits (דשאן רעוויטס) האט געזאגט,** "די WBC האט אלעמאל גע'שתדל'ט פאר SEQR רעפארם. גאווערנער Hochul'ס (האקול) פארשלאג צו פארשנעלערן ניו יארק'ס באשטיטיגונג און ענוויראמענטאלע איבערזיכט פראצעס איז א פראקטישע טריט פאראויס צו העלפן געמיינדעס בויען פראיעקטן מער עפיציענט. דורך פארמינערן אומנויטיגע אפהאלטונגען ווען אנהאלטענדיג שטארק ענעוויראמענטאלע זיכערהייט מאסנאמען און פובליק באשעפטיגונג, די רעפארמס וועלן נידערן קאסטן, פארבעסערן צייט ליניעס און שטיצן די האוזינג, אינפראסטרוקטור און עקאנאמישע אנטוויקלונג פראיעקטן אונזער ראיאן דארף."

**ניו יארק סטעיט בויערס עסאוסיעישען (New York State Builders Association) פרעזידענט Peter Florey (פיטער פלארי) האט געזאגט,** "עס איז וויכטיג אז מיר קומען צוריק צו די אריגענעלע כוונה פון די SEQR פראצעדור, וואס איז געווען צו באשיצן די ענווייראמענט. SEQR איז נישט געמאכט געווארן צו ווערן באנוצט אלץ א מיטל צו פארשטייטערן אדער צוריקהאלטן שטארק געדארפטע האוזינג פראדוצירונג. גאווערנער Hochul's (האקול'ס) מיינונגפולע רעקאמענדאציעס וועלן גיין א ווייטע וועג פאראויס צו פארזיכערן אז SEQR ווערט גענוצט צו העלפן האוזינג פראדוקציע און צוגענגליכקייט ווען אויך פארזיכערן אונזער ענוויראמענט."

**ענטערפרייז קאמיוניטי שותפים (Enterprise Community Partners) סיניאר וויצע פרעזידענט פון פראגראמען Baaba Halm (באאבא האלם) האט געזאגט,** "ווען עס קומט צו צושטעלן עפארדעבל האוזינג, טוט יעדער סעקונדע אויסמאכן. צו אפט, SEQR שאפט לאנגע, טייערע און צומאל אומדורכקומבאר צוימונגען צו צוגענגליכע האוזינג פראיעקטן. ענטערפרייז אפלאדירט גאווערנאר Hochul (האקול) פאר'ן אנערקענען פארשטענדליכע SEQR רעפארם אלס א וועג צו פארשנעלערן די צושטעלונג פון עפארדעבל היימען וואס ניו יארקער דארפן אזוי וויכטיג."

**ריעל עסטעיט באורד פון ניו יארק (Real Estate Board of New York) עקזעקעטיוו וויצע פרעזידענט פון פובליק פאליסי Basha Gerhards (באשא גערהארדס) האט געזאגט,** "די גאווערנאר'ס אדורכגעטראכטע רעפארמען צו SEQRA וועלן פארשנעלערן נייע האוזינג פראדוקציע און שפארן באדייטנדע צייט און געלט. אונז אפלאודירן די אדמיניסטראציע פארן אידענטיפיצירן א לעזונג צו פארשנעלערן די פראצעס ווען באשיצענדיג די געלעגנהייט פאר לאקאלע איבערזיכט."

**די בויען און ריעל עסטעיט אינסטיטיוט פון די האדסען וואלי ( The Building & Realty Institute of the Hudson Valley) CEO Tim Foley (טים פאולי) האט געזאגט,** "אונז ווייסן אז גוטע האוזינג פאליסי און גוטע קלימאט פאליסי גייען האנט אין האנט, און אז גוט אויסגעשטעלטע, ענערגיע עפישענט אינפיל האוזינג וואס טוט איבערנוצן ערטער וואו מען האט שוין געבויעט קען העלפן לעזן אונזער האוזינג

מאנגל און רעדוצירן גרינהאוז גאז עמיסיעס אין די זעלבע צייט. צו אפט טוהן די סאמע פראיעקטן וועלכע וואלט געוועז א נעט בענעפיט פאר די ענווייראמענט און די געמיינדע ווערן פארכאפט אין פארלענגערטע אומפארשאצבארע און קאסטליכע ענוויראמענטאלע איבערזיכטן און שוועריגקייטן. מיר אפלאדירן גאווערנאר Hochul'ס (האקול) פירערשאפט אין פארשלאגן א וועג צו אויסקלארן די אנגעלייגטקייט און שאפן אינצענטיוון פאר די סארט פון מילד-געדיכטע, סוסטעינעבלי געבויעטע האוזינג וואס מיר דארפן צו פארזיכערן אן עפארדעבל ניו יארק פאר די אלע וואס ווילן דא וואוינען און ארבעטן."

**Long Island Builders Institute CEO Mike Florio (מייק פלאריא) האט געזאגט,** "ניו יארק'ס האוזינג מאנגל איז א קריזיס וועלכע פארלאנגט שריט, און גאווערנער Hochul's (האקול'ס) פארגעשלאגענע רעפארם צו SEQRA זענען א קריטישע טריט אין די ריכטיגע ריכטונג. SEQRA איז קיינמאל נישט געמיינט געווארן צו זיין א שליסל צו אפהאלטן אדער אפשטעלן שטארק-געדארפטע האוזינג פאר יארן אויף אמאל. מאדערניזירן די איבערזיכט פראצעס ווען אנהאלטענדיג שטארקע ענוויראמענטאלע באשיצונגען וועלן העלפן געמיינדעס צולייגן האוזינג שנעלער, פארמינערן קאסטן פאר פאמיליעס און שטיצן קלוגע פאראנטווארטליכע וואקס איבער לאנג איילענד און ניו יארק סטעיט."

**קאפיטאל ראיאן טשעמבער און צענטער פון עקאנאמישע וואקס פרעזיענט און CEO Mark Eagan (מארק איגאן) האט געזאגט,** "אויסגעשטעלט צו אזויפיל רויטע טעיפ, עס קען זיין שווער צו מאכן ארבעט אין ניו יארק סטעיט. די פארשלאג איז א שטארקע ביישפיל פון גאווערנער Hochul (האקול) אויסהערן אונזער רוף צו מאכן ניו יארק סטעיט מער פארמעסטליך. עס וועט ערלובן פאר דיוועלאפער די מעגליכקייט צו בויען מער האוזינג דערביי אדרעסירענדיג די צוגענגליכקייט קריזיס."

**ארענדש קאונטי פארטנערשיפ צענטער פאר עקאנאמישע אנטוויקלונג ( Orange County Partnership Center for Economic Development) פרעזידענט און CEO Conor Eckert (קאנאר עקערט) האט געזאגט,** "דורך מאדערניזירן SEQRA, קען ניו יארק ארבעטן צוזאמען צו פאראויסריקן דשאב-שאפנדע עקאנאמישע אנטוויקלונג פראיעקטן אויף א מער עפישענט פארנעם בשעת'ן אנהאלטן שטארקע ענווייראמענטאלע באשיצונגען. די רעפארמען וועלן העלפן צוציען אינוועסטירונג, פארשטערקערן ראיאנישע עקאנאמיעס און פארזיכערן אז געמיינדעס איבער די סטעיט קענען וואקסן און בליען. אונז דאנקען גאווערנאר Hochul (האקול) פאר איר פירערשאפט אויף די פראבלעם."

**לאנג איילענד האוזינג סערוויסעס (Long Island Housing Services) עקזעקעטיוו דירעקטאר Ian Wilder (איען ווילדער) האט געזאגט,** "אויף לאנג איילענד, איז SEQRA שוין לאנג געוועהן א וויכטיגע געצייג צו באשיצן אונזער טרונק וואסער, אפענע שטחים און לופט קוואליטעט, און די באשיצונגען מוזן בלייבן שטארק. צו די זעלבע צייט, א קליינע צאל פון בייזוויליגער אקטן האבן אויסגענוצט די שטאטוט צו אפהאלטן אדער צושטערן געזעצליכע, ענוויראמענטאלע פאראנטווארטליכע האוזינג - ספיציעל אינפיל דיוועלאפמענט, קאוד איינגעהאלטענע היימען מיט פאסיגע אפלויף סיסטעמען און עקסעסארי וואוינבאר איינהייטן. דורכגעטראכטע SEQRA ריפארם שטעלט צוריק באלאנס. עס האלט אן באדייטענדע ענוויראמענטאלע איבערזיכט ווען פארמינערן מיסברויכן וועלכע האט פארערגערט פארקער אנגעלייגטקייט און געטריבן געפעכטן וועלכע לייגט גרעסערע דרוק אויף גרונטוואסער און אינפראסטרוקטור אויף אן אינזל מיט באגרעניצטע לאנד און א שווערע האוזינג מאנגל, קלוגע קאמפאקט האוזינג איז נישט אין קאנפליקט מיט ענוויראמענטאלע באשיצונג - עס איז איינס פון די מערסט עפעקטיווע וועגן ע צו עררייכען."

**צענטראל ניו יארק יושר'דיגע האוזינג (Central New York Fair Housing) עקזעקעטיוו דירעקטאר Sally Santangelo (סעלי סאנטאנגעלאו) האט געזאגט,** "יושר'דיגע האוזינג בליעט אין קאמיוניטיס וועלכע שטיצן האוזינג פארשידנארטיגקייט, שפאצירבארקייט און פובליק טראנספארטאציע.

CNY גלייכע האוזינג שטיצט SEQR רעפארם וועלכע טוט אפדעיטן די וויכטיגע ענווייראמענטאלע באשיצונג צו האדעוואן אריינעמענדיגע און נאכהאלטיגע וואקס צו קענען פארברייטערן האוזינג געלעגענהייטן פאר אלע מענטשן אין ניו יארק סטעיט."

**ווין פרעזידענט און CEO Christine C. Quinn (קריסטין ס. קווין) האט געזאגט,** "עס זענען דא מער קינדער אין היימלאזער שעלטערס אין ניו יארק סיטי ווי בענקלעך אין די יענקי סטעדיום. אויב גיין אונז ענדליגן די היימלאזיגקייט קריזיס, דארפן אונז טוהן אלעס אונז קענען צו פארשנעלערן די דיוועלאפמענט פון צוגענגליכע האוזינג. איך אפלאודיר גאווערנער Hochul (האקול) פארן טרעפן וועגן צו שניידן רויטע טעיפ און פארשנעלערן די אויפבוי פון מער האוזינג פאר ניו יארקער אין שטארקע נויט."

**ניו יארק האוזינג קאנפערענס עקזעקיוטיוו דירעקטאר Rachel Fee (רעיטשעל פרי) האט געזאגט,** "רעפארמירן SEQRA איז קריטיש וויכטיג צו אויפעפענען האוזינג פראדוקציע אין ניו יארק. די יעצטיגע פראצעדור טוט אפטמאל שאפן יארן פון פארשפעטיגונגען, ארויפטרייבן קאסטן, און בלאקירן האוזינג און אינפערסטראקטור פראיעקטן אן צושטעלן בעסערער ענווייראנמענטאלע תוצאות. די גאווערנאר'ס פארגעשלאגענע מאדערניזירונגען וועט מיט רעכט זיך קאנצענטרירן אויף פראיעקטן מיט באמת באדייטנדע אפעקטן, בשעת'ן רעדוצירן די פארשפעטיגונג אויף וויכטיגע האוזינג פראיעקטן. SEQRA רעפארם איז וויכטיג צו פאראויסריקן עפארדעבל האוזינג און די עקאנאמישע לעבהאפט וואס ניו יארק דארף אזוי דרונגנד בשעת'ן אנהאלטן שטארקע ענווייראנמענטאלע באשיצונגען."

**גרעיטער ראטשעסטער ענטערפרייז (Greater Rochester Enterprise) פרעזידענט און CEO Matt Hurlbutt (מעט הורלבאט) האט געזאגט,** "מיר שטיצן גאווערנאר Hochul'ס (האקול) באמיאונגען צו רעדוצירן רויטע טעיפ און רעפארמירן רעגולאציעס וועלכע באגרעניצן ניו יארקער'ס צוטריט צו האוזינג, ענערגיע, אינפערסטראקטור און עקאנאמישע אנטוויקלונג. מיר קוקן ארויס צו ארבעטן מיט די גאווערנאר, סטעיט אגענטורן און לאקאלע באאמטע צו מאדערניזירן ניו יארק'ס צוגאנג צו קאנסטרוקציע און עקאנאמישע וואוקס אין די צייט וואס מיר פארמעסטן זיך פאר אינוועסטירונג און קומען נאך די שוועריקייטן פון א כסדר-טוישנדע גלאבאלע מארקפלאץ."

**New York State Association of REALTORS® פרעזידענט Ron Garafalo (ראן געראפאלאו) האט געזאגט,** "די New York State Association of REALTORS® שטיצט גאווערנאר Hochul'ס (האקול) פארשלאג צו פארגרינגערן ניו יארק סטעיט'ס ענווייראנמענטאלע קוואליטעט איבערזיכט אקט (SEQRA). די פארשלאגן וועלן פארשנעלערן פראיעקט צייט-אפשניטן פאר וויכטיגע איניציאטיוון ווי די קריטישע געברויך פאר האוזינג, פארשנעלערן די איינפירונג פון נויטיגע אינפערסטראקטור פראיעקטן, רעדוצירן רויטע טעיפ און זיך קאנצענטרירן אויף באדייטפולע טוישונגען בשעת'ן אנהאלטן שטארקע ענווייראנמענטאלע באשיצונגען. די רעפארמען זענען גאר וויכטיג צו אדרעסירן האוזינג עפארדעביליטי דורכאויס ניו יארק."

**סאפאוק קאונטי ווילעדש באאמטע עסאוסיעישען (Suffolk County Village Officials Association) פרעזידענט און ווילעדש פון ברייטוואטערס מעיאר John Valdini (דשאן וואלדיני) האט געזאגט,** "די סאפאוק קאונטי ווילעדש באאמטע עסאוסיעשען שטיצט פארשטענדליכע באמיאונגען צו שניידן אומנויטיגע רויטע טעיפ און העלפן קאמיוניטיס מיט קלוגע, פאראנטווארטליכע וואוקס. גאווערנאר Hochul'ס (האקול) צוגאנג טוט רעספעקטירן לאקאלע זאונינג און זעלבסטשטענדיגע היים רעגולירונג בשעת'ן פארגרינגערן א פראצעדור וואס טוט צו אפטמאל פארשלעפן פראיעקטן וואס אונזערע איינוואוינער דארפן."

**אנטעריאו קאונטי עקאנאמישע אנטוויקלונג (Ontario County Economic Development) דירעקטאר Ryan Davis (רייען דעיוויס) האט געזאגט,** "די אנטעריאו קאונטי באורד פון

סופערוויייזארס האט געשטעלט די פאלגנדע צילן פאר האוזינג אין אנטעריאו קאונטי: צושטעלן מער פארשידנארטיגע האוזינג אויסוואהלן צו אקאמעדירן אלע לעבנס שטאפלען און געברויכן; ערמעגליכן די אויסברייטערונג פון האוזינג אין פאסיגע געגנטער צו ברענגען וואוקס; און, סטאביליזירן אנטעריאו קאונטי'ס פארעלטערטע האוזינג סטאק. אין מיין ראלע אלס אן עקאנאמישע אנטוויקלער, האב איך צוגעזעהן אז צו אפט זענען די "פרא-האוזינג" צילן פאר פילע פון אונזערע מוניציפאליטעטן געווארן פארהאנקעט צוליב אומנויטיגע שוועריגקייטן און קאסטבארע ענווייראנמענטאלע איבערזיכט פאליסיס. קאמיוניטיס אינערהאלב די פינגער לעיקס ראיאן שטייען אויס פילע שוועריקייטן ווען עס קומט צו שטארק פארלאנגטע רעזידענטשעל וואוקס - איך גלייב אז גאווערנאר Hochul'ס (האקול) "לאז זיי בויען" רעפארמען וועלן העלפן אוועקנעמען געוויסע פון די אפהאלטונגען צו האוזינג אויסברייטערונג אין אנטעריאו קאונטי און איך טוה איר אפלאדירן פאר'ן דאס מאכן פאר א פריאריטעט."

**פארטנערשיפ פאר ניו יארק סיטי פרעזידענט און CEO Steven Fulop (סטיווען פולאפ) האט געזאגט,** "איך הער צו אפט פון באורד מיטגלידער ביי די פארטנערשיפ אז מען האט שוין לאנג גדארפט פאררעכטן SEQRA. עס איז מער ביוראקראטיש ווי עס פעלט אויס, און עס ציעט אויס פראיעקטן. איך בין צופרידן אז גאווערנאר Hochul (האקול) נעמט זיך צו די נושא, וויבאלד עס איז אן אומנויטיגע פאקטאר אין ארויפטרייבן די קאסטן פון האוזינג אנטוויקלונג אינעם סיטי."

**צוריקבויען צוזאמען NYC (Rebuilding Together) עקזעקיוטיוו דירעקטאר Valerie Payne (וועלערי פעין) האט געזאגט,** "אלס די עקזעקיוטיוו דירעקטאר פון צוריקבויען צוזאמען NYC, וועמנס מיסיע איז צו פאררעכטן היימען, צוריקבויען לעבנס און אויפלעבן קאמיוניטיס, איז אונזער ארבעט געניו אין איינקלאנג מיט די גאווערנאר'ס איניציאטיוו צו "זיי לאזן בויען." אלס א נאן-פראפיט וואס שטעלט צו קריטישע פאררעכטונגען צו פרעזערווירן עקזיסטירנדע היימען אין די מיט פון א האוזינג קריזיס, טוען מיר גוט פארשטיין די געברויך צו בויען מער און פאררעכטן די אינפערסטראקטור פון ניו יארק סיטי געגנטער. מיר ארבעטן מיט אזויפיל היים-אייגנטומער וואס קענען זיך נישט ערלויבן צו אויפהאלטן זייערע היימען און לעבן אויף באגרעניצטע איינקונפט, און אן אונזערע שטיצע, האבן זיי זיך נישט צו וועם צו ווענדן. אונזערע קריטישע היים פאררעכטונגען טוען פארמיידן מענטשן פון פארלירן זייערע היים, ווי אויך פארמיידבארע שפיטאליזירונגען צוליב דעם וואס עלטערער ערוואקסענע וואוינען מיט ענווייראנמענטאלע געפארן און פרעזערווירן פאמיליע פארמעגנס. אויב ווערן זיי געצווינגען ארויסצומופן, וועלן היים-אייגנטומער זיך נישט קענען ערלויבן צו דינגען אין א נייע געביידע. "לאז זיי בויען" שטעלט צו האפענונג אז אינעם צוקונפט, וועלן אונזערע נידריגע-איינקונפט NYC היים-אייגנטומער נישט זיין אין אזא הייקלע פאזיציע. א דאנק, גאווערנער Hochul (האקול)!"

**שטיצנדע האוזינג נעטווארק פון ניו יארק (Supportive Housing Network of New York) עקזעקיוטיוו דירעקטאר Pascale Leone (פעסקעל ליאון) האט געזאגט,** "די נעטווארק איז שטארק איינשטימיג מיט די גאווערנאר'ס פארפליכטונג צו בויען מער האוזינג, אריינגערעכנט דרונגנד אויספעלנדגע שטיצנדע האוזינג. די פארגעשלאגענע רעפארמען אין די היי יעריגע בודשעט טוען פארזיכטיג באלאנסירן ענווייראנמענטאלע באשיצונגען מיט די דרונגנדע געברויך צו אדרעסירן ניו יארק'ס האוזינג קריזיס."

**LISC NY הויפט פון נאציאנאלע האוזינג (LISC NY Head of National Housing) סטראטעגישע איניציאטיוון און עקזעקיוטיוו דירעקטאר Valerie White (וועלערי ווייט) האט געזאגט,** "די מערסט אפעקטיווע וועג צו אדרעסירן ניו יארק'ס האוזינג קריזיס איז צו בויען מער האוזינג, און אוועקנעמען שטערונגען וועלכע טוען פארשטייערן פראיעקטן אדער זיי גענצליך אפשטעלן דורך שניידן רויטע טעיפ און מאדערניזירן אלטמאדישע פארשריפטן וועלן העלפן דערגרייכן יענער ציל. דאס אז גאווערנאר Hochul (האקול) טוט פאראויסריקן די וויכטיגע רעפארמען וועט פירן צו מער האוזינג

אנטוויקלונג דורכאויס ניו יארק סטעיט, און מיר קוקן ארויס צו זעהן וויאזוי זיי וועלן העלפן געגנטער וואקסן אויף וועגן וואס זענען קאמיוניטי-געצילט, סוסטעינעבל, און פאסיג פאר עכטע האוזינג געברויכן."

**CDC LI פרעזידענט און CEO Gwen O'Shea (גווען אושיע) האט געזאגט,** "לאנג איילענד האט אן ערנסטע האוזינג קריזיס; געטריבן טיילווייז צוליב א מאנגל אין אינווענטארי און עפארדעביליטי. אוועקנעמען אומנויטיגע שטערונגען צו ערמעגליכן די אנטוויקלונג פון מער האוזינג געלעגנהייטן איז א געווינס פאר לאנג איילענד. די פארשלאגן וועלן ערמעגליכן מער היים אפציעס פאר לאנג איילענדער בשעת'ן באשיצן די אייגנארטיגקייט און שיינקייט פון לאנג איילענד'ס ענווייראנמענט."

**NYU פורמען צענטער (Furman Center) דירעקטאר פון איינגעשטעלטע Vicki Been (וויקי בין) האט געזאגט,** "NYU'ס פורמען צענטער האט שוין לאנג ארויפגעברענגט זארגן צי די קאסטן פון די ענווייראנמענטאלע איבערזיכט פראצעדור פאר אינפיל האויזנג און געוויסע אנדערע סארטן אנטוויקלונג טוען איבערוועגן די בענעפיטן. אפאר אנדערע סטעיטס האבן שוין אנגעהויבן מאכן פארשריט צו פארגרינגערן און צילן ענווייראנמענטאלע איבערזיכט, און מיר באגריסן גאווערנאר Hochul (האקול) און איר טיעם פאר'ן זיך נעמען צו די קריטישע נושא פאר ניו יארק."

**סיטי פון באפעלאו מעיאר Sean Ryan (שאון רייען) האט געזאגט,** "באפעלאו'ס געברויך פאר מער האוזינג און צו מאדערניזירן אונזער קריטישע אינפערסטראקטור זעהט זיך אן יעדן טאג. גאווערנאר Hochul'ס (האקול) 'לאז זיי בויען' אגענדע העלפט רעגירונגען ארבעטן מיט די שנעלקייט פון אונזערע קאמיוניטיס' געברויכן. דאס וועט שניידן אומנויטיגע רויטע טעיפ וואס טוט ארויפטרייבן קאסטן און פארשטייטערן פראיעקטן וועלכע האבן שוין די שטיצע פונעם באפעלקערונג — אלס בשעת'ן אנהאלטן די ענווייראנמענטאלע באשיצונגען וואס ניו יארקער ערווארטן שוין היינט צוטאגס. די רעפארמען וועלן העלפן אפסטעיט סיטיס ווי באפעלאו צושטעלן עפארדעבל האוזינג, ריינע וואסער אינפערסטראקטור, און דירעקטע אינוועסטירונגען אין אונזערע געגנטער אן יארן פון פארמיידבארע פארשפעטיגונגען."

**נעסאו קאונטי ווילעדש באאמטע עסאוסיעישען ( Nassau County Village Officials Association) פרעזידענט Elena Villafane (עלאנא ווילעפעין) האט געזאגט,** "די נעסאו קאונטי ווילעדש באאמטע עסאוסיעישען טוט שטיצן אונטערנעמונגען צו פארגרינגערן די באשטעטיגונג פראצעדור, פטור ווערן פון נוצלאזע שטערונגען, און געבן קאמיוניטיס די געצייג צו ארבעטן מער עפישענט. אנהאלטן די רעכטן פון לאקאלע רעגירונגען צו מאכן אייגענע באשלוסן איבער זאונינג איז גאר וויכטיג, און גאווערנאר Hochul'ס (האקול) פלאן ערלויבט ווילעדשעס צו פאראויסריקן פארשטענדליכע וואוקס."

**גאווערנער האקול'ס האוזינג אגענדע**

גאווערנער Hochul (האקול) איז איבערגעגעבן צו אדרעסירן ניו יארק'ס האוזינג קריזיס און מאכן די סטעיט מער אפאָרדעבעל און מער וואוינבאר פאר אלע ניו יארקער. זייט די 2023 פינאנציעלע יאר, האט די גאווערנאר געארבעט צו פארמערן האוזינג סופליי דורך כמעט 4 ביליאן דאלאר אין געצילטע אינוועסטירונגען, א ברייטע האוזינג פלאן, און איינפירן נייע באשיצונגען פאר רענטערס און היים אייגנטומער. אונטער גאווערנאר Hochul'ס (האקול) פירערשאפט, האט HCR געעפענט נייע פראגראמען וועלכע טוען פארשנעלערן די דעוועלאפמענט פון עפארדעבל און געמישטע-איינקונפט היימען — סיי פאר די וואס דינגען און סיי פאר די וואס קויפן. דאס רעכנט אריין די פרא-האוזינג קאמיוניטי (Pro-Housing Community) פראגראם, וואס געבט פאר באשטעטיגטע לאקאליטעטן די אויסשליסליכע צוטריט צו ביז 750 מיליאן דאלאר אין סטעיט פינאנצירונג צו נוצן וויאזוי זיי פארשטייען. ווי מען האלט יעצט, האבן מער ווי 400 קאמיוניטיס באקומען פרא-האוזינג באשטעטיגונג.

די עקזעקיוטיוו בודשעט פאר די 2027 פינאנציעלע יאר טוט פארענדיגן די גאווערנאר'ס יעצטיגע פינעף-יעריגע, 25 ביליאן דאלאר האוזינג פלאן צו אויפבויען אדער אנהאלטן 100,000 עפארדעבעל היימען איבער'ן סטעיט, אריינרעכנענדיג 10,000 מיט שטיצנדע סערוויסעס פאר הייקלע באפעלקערונגען ווי אויך איבערפירן נאך 50,000 היימען צו עלעקטריק. מער פון 77,000 עפארדעבל היימען זענען שוין געבויעט אדער פרעזערווירט געווארן ביז היינט. די עקזעקיוטיוו בודשעט האט אויך אינוועסטירט 250 מיליאן דאלאר צו פארשנעלערן די אויפבוי פון עפארדעבל האוזינג צו פארשנעלערן די אויפבוי פון נאך טויזענטע עפארדעבל היימען.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן